ב"ה

# טעראפי

- ענקזייעטי
- דיפרעסיע
- פאביעס
- עדיקשאָנס
- או.סי.די.
- פאניק אטאקעס
- סעלף קאנפידענס
- א.ד.ג.

גליון 82

געקליבענע בריוון פון ספר עצתו אמונה - ארויסגעגעבן דורך מוסדות היכל הקודש ברסלב - בנשיאות הראש ישיבה שליט"א

## ווי אזוי קען אויפהערן צו האבן פחדים און שרעק?

*לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,*

*יישר כח פאר'ן מיך מאכן אזא שיינע לעבן.*

*ס'איז דא אסאך מאל ווען ס'געשעט אביסל שרעקעדיגע זאכן, למשל אז ס'ווערט טונקל מיט קורצשלוס (בלעק אוט), אדער ס'איז זייער ווינטיג און אלע זאכן אויפ'ן גאס פליען; ווען אזעלכע סארט זאכן פאסירן, הייב איך אן צו ציטערן, איך ציטער פון אלע קליינע זאכן וואס געשען.*

*איך בעט אסאך דעם אייבערשטן ווען איך הייב אן ציטערן אז איך זאל קיינמאל מער נישט מורא האבן פון אזעלכע זאכן.*

*אסאך מאל קען איך טון מאדנע זאכן; למשל, איינמאל ווען איך בין געגאנגען אויפ'ן גאס און איך האב אנגעהויבן טראכטן אז זאכן קענען פליען אויף מיין קאפ, איינמיטן דערזע איך זיך מיט מיינע הענט אויף מיין קאפ, אזוי ווי מ'באשיצט זיך אז גארנישט זאל נישט פליען אויפ'ן קאפ.*

*וואס קען איך טון דערצו? איך האלט עס שוין נישט אויס.*

*יישר כח*

**תשובה מאת הראש ישיבה שליט"א:**

בעזרת ה' יתברך - יום ג' פרשת ויחי, עשרה בטבת, שנת תשפ"ב לפרט קטן

לכבוד ... נרו יאיר. איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

א גוטע עצה פטור צו ווערן פון פחדים - איז חזר'ן אמונה; דאס איז בדוק ומנוסה, **מענטשן זאגן אז זיי זענען ארויס פון אלע זייערע פראבלעמען זייט זיי טוען די עצה**; מען טראכט פון אייבערשטן, מען זינגט זיך א ניגון פון אמונה און מען בעט דעם אייבערשטן.

מען הייבט אן מיט טראכטן פון אמונה, און אויב די פחדים ווערן שטערקער הייבט מען אן זינגען צו זיך א ניגון, אויב איז מען נישט צווישן מענטשן קען מען זינגען אויפ'ן קול, עס ווענדט זיך וואו מען געפונט זיך. מען זינגט צו זיך: **"אלעס איז דער אייבערשטער, דער אייבערשטער איז דא, דער אייבערשטער היט מיך"**; אזוי ווי דער רבי זאגט (ספר המדות אות פחד, סימן יא): "מִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ פְּחָדִים, יְזַמֵּר זֶמֶר שֶׁל שִׂמְחָה", ווער עס האט שרעק זאל זינגען לעבעדיגע ניגונים.

אויב די פחדים ווערן שטערקער, עס גייט נישט אוועק - גייט מען צו תפילה ובקשה; מען הייבט אן רעדן צום אייבערשטן, מען בעט אים: **"אייבערשטער היט מיך, אייבערשטער זיי מיט מיר, אייבערשטער קום מיט מיר"**; דאס בארואיגט דעם מענטש פון אלע אומזיסטע פחדים.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

## וואס טוט מען ווען די ווייב געבט אויס אסאך געלט אן רשות?

*לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,*

*מיין שאלה איז ווי אזוי געבט מען זיך אן עצה מיט א ווייב וואס טוט זאכן אן רשות. ווי למשל אז זי מאכט יעצט איבער די גאנצע הויז אן פרעגן רשות פון מיר צי זי מעג עס טוען, אין די צייט וואס איך האב איר קלאר געזאגט אז יעצט איז נישט די צייט פאר דעם, ס'איז שווערע צייטן און איך מאך קיום פרנסה, איך בין שולדיג געלט פאר מענטשן און אזוי ווייטער. און נאך מער אז כאטש וואס זי ארבעט און מאכט געלט, וויל זי אבער נאר נעמען די גאנצע געלט פון מיר.*

*איך האב שוין פרובירט צו רעדן מיט שיינעם, עס העלפט אבער נישט, די ארבעט גייט שוין אן אין פולן שוואונג אן מיין רשות. ווי אזוי געבט מען זיך אן עצה?*

*יישר כח*

**תשובה מאת הראש ישיבה שליט"א:**

בעזרת ה' יתברך - יום ד' פרשת עקב, חמשה עשר באב, שנת תש"פ לפרט קטן

לכבוד ... נרו יאיר. איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

טו אלעס אויף די וועלט אז דיין שטוב זאל בלייבן גאנץ. פרוביר צו רעדן צו דיין ווייב שיינערהייט, רעד ווייכע ווערטער צו איר, געב איר צו פארשטיין ווי שווער עס איז דיר יעצט דיין מצב הפרנסה, זאג איר אז דו וועסט איר אלעס נאכגעבן ווען דו וועסט האבן געלט. און אז דו זעסט אז עס איז נישטא מיט וועם צו רעדן, זי איז פאר'עקשנ'ט, זי האט שוין אליינס גערופן די בעלי מלאכה און אנגעהויבן

איבערבויען די הויז אן דיין רשות - זאלסטו זיך אנשטרענגען און טון אלע מיטלען אז דיין שטוב זאל נישט צעפאלן.

## זיך זייער אפהיטן פון טעראפיסטן

לאז זיך נישט פארפירן פון טעראפיסטן וואס זוכן צו מאכן געלט פון צרות ישראל און ביים סוף ווארפן זיי אראפ דעם מענטש אין א טיפן גרוב, זיי רעדן צו מען זאל זיך גט'ן; אך און ווי פאר די וואס פאלן אריין אין זייערע הענט, זיי האבן נישט קיין רחמנות אויף קיינעם. ווען זיי הערן אויס צרות ישראל איז דאס נישט מיט הארץ צו העלפן דעם מענטש, דאס איז זייער פרנסה, זיי צעטיילן שטובער; יעדער ליידט פון די טעראפיסטן און שלום בית מאכערס, סיי דאס פארפאלק און נאך מער די קינדער.

## איך האב נישט קיין שום נגיעות

איך בעט דיר זייער, נעם אן מיינע ווערטער; איך שרייב דא אן קיין שום נגיעות, איך ווייס נישט ווער איר זענט און ווער אייער פרוי איז, איך וויל אייך פשוט ראטעווען פון אנקומען צו בלייבן אליין, איך וויל ראטעווען אייער שטוב, אייערע קינדער זאלן נישט ליידן זייער גאנצע לעבן.

## וואס דארף די מאן טון פאר די ווייב?

די וועג פון די תורה איז אז דער מאן זאל טון אלעס אויף די וועלט אז זיין ווייב זאל זיין פרייליך און צופרידן. דער הייליגער צדיק רבי חיים ויטאל זכותו יגן עלינו שרייבט (שער המצוות, פרשת עקב): "רָאִיתִי לְמוֹרִי זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה", איך האב געזען ביי מיין הייליגע רבי דער אריז"ל, "שֶׁלֹּא הָיָה חוֹשֵׁשׁ בְּעַצְמוֹ לְהִתְכַּבֵּד בְּמַלְבּוּשִׁים נָאִים יוֹתֵר מִדַּי", ווען עס איז געקומען צו קויפן קליידער פאר זיך אליינס, האט ער נישט געקויפט קיין טייערע קליידער, "גַּם בְּמַאֲכָלוֹ הָיָה אוֹכֵל דָּבָר מוּעָט מְאֹד", אויך ביי עסן - ווען עס האט זיך גערעדט פאר זיך - האט ער נישט געגעסן קיין סאך, ער פלעגט עסן זייער ווייניג, "אֲבָל בְּמַלְבּוּשֵׁי אִשְׁתּוֹ הָיָה זָהִיר מְאֹד לְכַבְּדָהּ וּלְהַלְבִּישָׁהּ", אבער ווען עס איז געקומען צו זיין ווייב האט ער זייער אכטונג געגעבן איר צו מכבד זיין מיט שיינע קליידער, "וְהָיָה מַפִּיק כָּל רְצוֹנָהּ", ער האט איר צופרידן געשטעלט אינגאנצן, וואס זי האט געוואלט האט ער איר געגעבן, "אַף אִם לֹא הָיְתָה יָדוֹ מַשֶּׂגֶת כָּל כָּךְ", אפילו ער האט נישט געהאט קיין געלט דאס צו קענען טון.

דאס איז די וועג פון די תורה, דער מאן זאל טון אלעס אויף די וועלט אז זיין ווייב זאל זיין צופרידן; אפילו זי איז נישט גערעכט, זי געבט אויס געלט וואס איז נישט דא. **עס איז אונזער ארבעט מיר זאלן האלטן די שטוב מיט אלע כוחות עס זאל נישט צעפאלן,** דאס האט אונז מוהרא"ש געלערנט אלע יארן און דאס לערנט מען ווייטער אין היכל הקודש, נאכאמאל און נאכאמאל, מען זאל אכטונג געבן אויף די שטוב.

> **דאס איז די וועג פון די תורה, דער מאן זאל טון אלעס אויף די וועלט אז זיין ווייב זאל זיין צופרידן; אפילו זי איז נישט גערעכט.**

## לאמיר ארויסגיין מחדש זיין די לבנה

נאך א כלל האט מוהרא"ש אונז געלערנט און ווער עס לעבט מיט דעם כלל האט א גוט לעבן. מוהרא"ש האט אונז געלערנט: "א פרוי איז שטענדיג גערעכט"; מוהרא"ש האט אונז געלערנט און אונז געווארנט מיר זאלן נישט גיין אין ויכוחים מיט די ווייב, **נישטא קיין טענה'ען און נישטא קיין אויפטוייזן**, אפילו זי איז געפאלן אויפ'ן קאפ און געפאלן אויפ'ן נאז, זי זאגט בייטאג אז יעצט איז נאכט - זאל מען נישט טענה'ען מיט איר, נאר איר געבן גערעכט: "יא יא, יעצט איז נאכט, לאמיר ארויסגיין מחדש זיין די לבנה", ביז זי וועט אליינס זאגן: "עס איז נישטא קיין לבנה, איז א סימן אז עס איז יא נאכט".

## דער וואס פירט זיך אזוי האט א לעבן

מוהרא"ש פלעגט דאס האלטן אין איין חזר'ן מיט אונז, ער פלעגט אלץ געבן די משל, אז עס איז נאכט אין די פרוי זאגט "יעצט איז טאג" - זאלסטו נישט טענה'ען מיט איר, געב איר גערעכט, זאג איר: "יא יא, יעצט איז טאג, לאמיר גיין אביסל אונטער די זון זיך אפבראטן וכו'", ביז זי אליינס וועט זאגן: "איך האב געמאכט א טעות, יעצט איז נאכט, עס איז נישטא קיין זון"; עס זעט אויס מאדנע, אבער דער וואס פירט זיך אזוי האט א לעבן.

וויסן זאלסטו אז די אלע חברים אדער משפחה מיטגלידער וואס העצן דיר אונטער: "גיי גט זיך", זיי רעדן דיר צו: "לאז איר אפ", "זי איז א שקלאפטע", "וויפיל איז די שיעור צו ליידן? וכו' וכו'", **די אלע זענען גוט ווילאנג דו האסט זיך נישט געג'גט, איינמאל מען בלייבט אליין וועסטו נישט האבן וואו צו גיין**, דו וועסט זיך וואלגערן פון איין שטוב צום צווייטן, דו וועסט ווערן דערביטערט השם ישמרינו.

דעריבער אז זי האט שוין אנגעהויבן איבער בויען דיין הויז אן רשות, זי פירט זיך נישט ריכטיג, די גאנצע געלט נעמט זי דיר אוועק - זאלסטו זען אז **כאטשיג זאלסטו בלייבן מיט א שטוב**, זאלן דיינע קינדער בלייבן מיט א שטוב.

איך האף אז דו וועסט אננעמען די ווערטער וועט דיר גוט זיין אויף די וועלט און אויף יענע וועלט.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

**ווי אזוי קען איך האבן יעדן טאג א געפיל צום דאווענען?**
**ווי אזוי מאכט מען די קינדער זאלן מסכים זיין צו ביליגע שמחות?**

קוקטס ארויס אויף די קומענדיגן גליון בעז"ה!

צו באקומען די גליון וועכענטליך אויף אימעיל,
טעקסט אייער אימעיל אדרעס צו: 347.651.1218
אדער שרייבט צו: trpy458@gmail.com
**קול ברסלב 212.444.9191 / בא"י 0797040066**